שבת
פרעשבורג
סמוך ונראה
לציון המצוינת של
מרן החתם סופר זי"ע
בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
• שב"ק משפטים (לס' 'ואל משה אמר עלה') תשע"ו •
מסע נגידי ובוני בניני מוסדותינו הקדושים

# המסע

פינפטער נומער
שבת בא תשע"ו לפ"ק




## לוח המסע המרומם

### שע"י קהילתינו הקדושה

בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א



כ"ד-כ"ח שבט תשע"ו לפ"ק



# לוח המסע המרומם

## שע"י קהילתינו הקדושה

בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## ג' משפטים

נוסעים מניו יארק אחה"צ

## ד' משפטים

**5:30 לפנות בוקר:** מגיעים לפראנקפורט.

**6:30 בבוקר:** מקוה, שחרית ופת שחרית בביהכ"נ.

**9:30 בבוקר:** בית העלמין הישן, מנו"כ ה'פני יהושע', ה'הפלאה', רבי נתן אדלער, ה'מחנה לוי' זי"ע.

**10:30 בבוקר:** נוסעים לווארמייזא, הרבנית ריזל סופר אמא של החת"ס.

**11:00 בבוקר:** ווארמייזא, בית הכנסת רש"י, מעונו של רש"י הקדוש, 'המהר"ם מרוטנבורג' זי"ע, מורנו יעקב הלוי מולין סגל זי"ע, 'המהרי"ל', הרה"ק ה'בעל השם מוורמייזא', ה'חוות יאיר ' ועוד גאוני וצדיקי ארץ זי"ע.

**2:45 אחה"צ:** נוסעים לעירפארט.

**4:35 אחה"צ:** טסים לקראקא - מגיעים 6:05 בערב.

ערבית, ארוחת ערב ולינת לילה במלון מפואר בקראקא.

## ה' משפטים

**5:00 לפנות בוקר:** משכימים קום, טבילה במקוה, תפילת שחרית בביהכ"נ הרמ"א.

**8:00 בבוקר:** בית העלמין הישן, מקום מנוח"כ של הרמ"א ואביו ובני משפחתו, ה'מגלה עמוקות', הב"ח, ה'מגיני שלמה', ה'תוספות יו"ט', ה'חנוכת התורה', ה'יוסף לקח' ועוד, זי"ע.

ובביה"ח החדש, מנו"כ ה'מאור ושמש' ורבינו ר' שמעון סופר, זי"ע.

| | |
|---|---|
| **9:30 בבוקר:** | פת שחרית במסעדה. |
| **10:30 בבוקר:** | נוסעים לאוישוויץ. |
| **11:45 בבוקר:** | אוישוויץ, ביקור במחנה השמדה. מנו"כ החסידים והישרים והתמימים קהילות הקודש שמסרו נפשם עקדה"ש הי"ד. |
| **2:00 אחה"צ:** | נוסעים לליזענסק. |
| **5:00 אחה"צ:** | ליזענסק, מנו"כ הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק ובניו זי"ע. |
| **7:00 אחה"צ:** | נוסעים לשדה תעופה רייישא. |
| **7:30 בערב:** | טיסה שכורה מרייישא לפרעשבורג מגיעים 8:30. לינת לילה במלון מפואר בפרעשבורג. |

## עש"ק משפטים

| | |
|---|---|
| **7:00 בבוקר:** | משכימים. טבילה במלון |
| **8:00 בבוקר:** | נוסעים לסערדאהעלי. |
| **9:00 בבוקר:** | סערדאהעלי, שחרית, בית עלמין מנו"כ 'מהר"י אסאד. |
| **11:30 בבוקר:** | נוסעים לפרעשבורג. |

## שב"ק מרומם במלון מפואר בפרעשבורג
בצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בצפרא דשבתא לפני תפילת שחרית
**מעמד מיוחד אצל הציון הקדוש של מרן החתם סופר זי"ע**
אמירת תהלים, ושיעור בספרי רבינו תורת מש"ה

## מוצש"ק

| | |
|---|---|
| **9:00 בערב:** | ביה"ח פרעשבורג, מנו"כ של מרנא ורבנא ה'חתם סופר', עם רבני פרעשבורג לדורותי' רבי משה חריף, רבי עקיבא איגר הראשון, רבי מאיר ברבי, רבי משולם איגרא, רבי דניאל פרוסטיץ ועו"צ וגאוני ארץ זי"ע. ולביה"ח החדש מקום מנוח"כ של הגה"צ בעל ה'מחנה חיים', 'כתב סופר' ו'שבט סופר' ועוד גאוני וצדיקי ארץ זי"ע. |

**סעודת מלוה מלכה נאדר בקודש**
בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א יתקיים הסעודה המפוארת שנערכת בהוקרה והכרה למע"כ נדיבים החשובים, בוני ומקימי עולמות של תורה ותפלה לממלכת התורה והחינוך דק"ק וויען.

- יום א' תרומה חוזרים לניו יארק -

## האט גע'פועל'ט אלעס גוט'ס!
זכותים הנשגבים ילוו אתכם לעד ולעולמי עולמים!

# צוריק צו אונזער הייליגן עבר

וואו מיר וועלן מתפלל זיין און פועל'ן על קברי רבותינו ואבותינו

– פינפטער קאפיטל –

## סערדאהעלי (ב)

### כ"ק הגה"ק **רבי אשר אנשיל כ"ץ** זצוק"ל, הי"ד
### אב"ד ור"מ דקעד"י **סערדאהעלי** יצ"ו

אין דער שטאט טשענגער האט געוואוינט א כהן שדעתו יפה פון א מיוחס'דיגער משפחה פון כהנים, מיט א כתב ייוחס ביז ארויף צום 'סמיכת חכמים'. דער איד איז געווען הרב רבי יהונתן בנימין כ"ץ ז"ל וועלכער האט געהאט מחבר געווען ספרים אין אגדה, אבער ס'איז עבליבן נאר אלס א כתב יד.

פאר זיין הסתלקות לחיי עוה"ב האט ער באפוילן, אז אויף זיין קבר זאל מען נישט שרייבן קיין שום תוארים פון כבוד, נאר אזויפיל: 'כלבו כן פיו'; א טיטול וואס באצייכענט אן איש אמת ונאמן רוח. דאס האט ער געוואלט לערנען און משריש זיין פאר די דורות הבאים.

אט דער רבי יהונתן בנימין איז דער פאטער פון כ"ק הגה"ק רבי אשר אנשיל כץ זצ"ל, וועם ער האט א נאמען געגעבן פאר זיין זוהן ע"ש רבו הקדוש בעל מנוחת אשר זי"ע. שוין אלס יונג קינד אין טשענגער האט ער ארויסגערופן באוואונדערונג, אז ביי די אכט יאר האט ער געקענט די חידושי הר"ן אויפ'ן סוגיא פון 'טיפת חלב' אויף אויסעווייניג!

דאס זעלבן האבן זיינע מדות און הנהגות גאר הויך ארויסגעשיינט צווישן אנדערע קינדער. ער האט כמעט ווי נישט געשפילט אפילו אין די קינדערישע יארן. כל זמנו האט ער מקדיש געווען פאר תורה. זיין דיבור איז פון קליינערהייט אן געווען געמאסטן און געוואויגן, און נישט גערעדט קיין איבריג ווארט. די דאזיגע הנהגה און ערענסטקייט האט ער שפעטער איינגעפלאנצט בי די פילע תלמידים אין זיין אייגענעם ישיבה אין סערדאהעלי.



כ"ק הגה"ק מסעדאהעלי זי"ע, הי"ד

**מ'האט עס באלד נאכגעקוקט און געזען 'כדבריו כן הוא'. האט אים דער הייליגער אמרי יוסף א קוש געגעבן אויפ'ן שטערן און אים געבענטשט**

איז מען דאס געקומען פארציילן פאר'ן הייליגן ערשטן בעלזער רב. האט ער באפוילן אז מען זאל ארויס נעמען דאס גאנצע וואסער, און פונדאסניי אנפילן די נייע מקוה. ווען הרה"ק רבי שלום קאמינקער זצוק"ל האט דאס געהערט, האט ער ארויסגעבראכט זיין וואונדער אויף אזא פסק, ווען מען ווייסט דאך א הלכה מפורשת אז וויינערגער ווי דריי לוגין טוט נישט פסל'ן קיין מקוה.

נאר וואס דען? מוז זיין אז די הוראה צו פסל'ן די מקוה קומט פון א תוספתא - בלתי ידועה - וואס דארט שטייט, אז שלשה לוגין איז נאר געזאגט געווארן ביי סתם מים שאובין, אבער מים טמאים טוט יא פסל'ן


בעזהי"ת

ספר

שאלות ותשובות

ולאשר אמר

תשובות ובירורי הלכות על ד' חלקי שלחן ערוך

מאת הרב הגאון הצדיק המפורסם פאר הדור והדרו

הרביץ תורה ויראה לאלפי תלמידים כקש"ת

מו"ה אשר אנשיל כ"ץ זצ"ל הי"ד

מלפנים אב"ד דק"ק ניר מעדיעש והגליל יצ"ו

ואח"כ אב"ד ור"מ דקעד"י ד' סערדאהעלי יצ"ו

◆

הוצאתיו לאור בחמלת ד' עלי

יהושע כ"ץ

בן לאאמו"ר הגאון החסיד המחבר זצ"ל

אב"ד ור"מ דק"ק סאמבאטהעלי יצ"ו

וכעת רב דקהל בית אשר דסערדאהעלי — ברוקלין יצ"ו

ברוקלין נ"י

שנת כי טל אורות טלך (תשמ"א) לפ"ק

## געזעהן דעם 'לגדולת נוצר'

אויך איז ער שוין אין די יונגע יארן ארויסגעשטאנען מיט זיין מסירת נפש'דיגן ברען צו לימוד תורה און קיום המצוות בקדושה ובטהרה. אין יענע שנות הנעורים פלעגט ער גיין טעגליך אין מקוה צו מקבל זיין תוספות טהרה, אפילו אויך אין תקופת טבת, ווען קיין ווארימער מקוה איז נישט געווען צוגעשטעלט אויף יעדן טאג.

זייענדיג א פערצן יעריגער בחור האט ער שוין געהאט קונה געווען פיל קניני תורה בש"ס ובשו"ע, צווישן זיי אויך א בקיאות רבה אין הלכות מקוואות. יענע צייט איז דעם יונגן בחור הח' כמר אשר אנשיל אויסגעקומען זיך צו באגעגענען מיט הרה"ק רבי יוסף מאיר מספינקא זי"ע, דער בעל 'אמרי יוסף'.

ווען ער איז געקומען האט ער געטראפן דעם אמרי יוסף זצוק"ל ארום גענומען מיט חסידים ואנשי מעשה וואס שטייען צו צוהערן אמרי צדיק. ס'איז פונקט געווען א שמועס וועגן הרה"ק דער שר שלום פון בעלז זי"ע, צו וועם דער אמרי יוסף איז פיל געפארן.

מ'האט דאן ארומגערעדט וועגן א סיפור, אז בשעת'ן כשר'ן די מקוה אין בעלז האט דער שר שלום ממנה געווען מענטשן וואס זאלן שטארק אכטונג געבן אז קיינער זאל נישט צוגיין און צורירן צו די וואסער פאר עס קומט אן צו גאנצע פערציג סאה. מיט דעם אלעם איז איינער נאנט געקומען, און אומבאמערקנדיג האט ער אריינגעגאסן א משהו מים שאובין.



סערדאהעלי רב זצוק"ל מיט תלמידי הישיבה

אפילו ביי א כל שהוא. - אזוי האט דאן הרה"ק מספינקא זי"ע פארציילט.

באלד האט דער בחור אשר אנשיל אויף דעם מעורר געווען אז ס'האט נישט קיין שייכות מיט'ן תוספתא. ס'איז מבואר אזוי אין א ש"ך בשם דעם רמב"ם. (דארט ברענגט ער שיטת הרמב"ם, אז ווען עס פעלט פון די פערציג סאה א קורטוב, טוען מים טמאים פסל'ן אפילו ווייניגער ווי דריי לוגין. אנדערע ראשונים קריגן אויף דעם, און אזוי ווי זיי פסק'נט דער טור און דער מחבר, אז אלעמאל טוט נאר דריי לוגין פסל'ן.)

הרה"ק דער אמרי יוסף זי"ע און אלע ארומיגע געהויבענע חסידים, זענען נשתומם געווארן פון די בקיאות פון א פערצן יעריגער בחור. מ'האט עס באלד נאכגעקוקט און געזען 'כדבריו כן הוא'. האט אים דער הייליגער אמרי יוסף א קוש געגעבן אויפ'ן שטערן און אים געבענטשט.

## לגנו לערוג"ת הבוש"ם

רוב תורתו אלס בחור האט דער סערדאהעלער רב זצוק"ל געלערנט - פאר א משך פון זעקס יאר - ביים בארימטן צדיק וגאון ישראל בעל ערוגת הבושם זצוק"ל אין דער שטאט חוסט. דארט אין דער ישיבה פון ערוגת הבושם איז ער כסדר געשטיגן אין תורה, ביז ער איז באקרוינט געווארן מיט'ן תואר 'ראש ישיבה', א טיטול וואס מ'פלעגט דאן געבן אין אונגארישע ישיבות פאר א בחור וואס האט זיך צום מערסטנס אויסגעצייכנט.

שוין דאן האט דעם בחור געצויגן צום דרך החסידות. ער איז פון דער ישיבה אין חוסט עטליכע מאל געפארן צום צדיק הדור הרה"ק משינאווא זי"ע. אין יאר תרנ"ט שנת הסתלקות הצדיק לגנזי מרומים, איז ער געווען דארט אויף גאנץ תשרי, און דער הייליגער שיניאווא'ער רב האט אים שטארק מכבד געווען, זאגנדיג אז זיין אצילות'דיגער געשטאלט טוט אויף אים מאיר זיין.

זייענדיג א תלמיד פון ערוגת הבושם וועלכער האט געהאט א באזונדערן התקרבות קיין בעלז, איז ער אזוי אויך נתקרב געווארן צו הרה"ק רבי ישכר דוב זי"ע. דער בעלזער רב האט צו אים ארויסגעוויזן א חיבה יתירה, און ליב געהאט זיך צו מפלפל זיין מיט אים בדבר הלכה. בנו הגדול בתורה והחסידות כ"ק הגה"צ אבדק"ק סאמבאטהעלי זצ"ל, האט ער א נאמען געגעבן ע"ש דעם דעמאלטיגן פריערדיגן בעלזער רב הרה"ק רבי יושע זי"ע.

ער האט שפעטערע יארן געהאט א גאנצן פנקס מיט פארשריבענע חידושי תורה וואס ער האט זוכה געווען צו הערן פון הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זצוק"ל, צווישן זיי אויך פלפולים וואס ער האט אליין גערעדט מיט'ן בעלזער רב, ס'איז אבער פארלוירן געגאנגען אין די שנות הזעם.

זיין הייליגער רבי בעל ערוגת הבושם האט אים מסמיך געווען להוראה, אזוי אויך דער ברזשאנער רב דער מהרש"ם זצוק"ל, און אנדערע גדולי דורו. ביי צוואנציג יאר איז דער בחור המצויין בתורה ובעבודה אן איידעם געווארן ביים גאון וקדוש המפורסם דער שאמלויא'ער רב זצוק"ל וואו ער איז געווען סמוך על שלחן חותנו פאר א תקופה פון שנתיים ימים.

## רב און ראש הישיבה

זיין גרויסער שווער דעם מרא דאתרא האט אים אויפגענומען פאר א דיין אין שטאט. דעם דיינות האט ער אנגעהאלטן פאר לערך זעקס יאר. יענע צייט האט ער אויך פארגעלערנט א שיעור אין יורה דעה פאר די תלמידים פון דער ישיבה וואס הגה"ק משאמלויא זצוק"ל האט געפירט.

דאס ערשטע רבנות פון דער סערדאהעלער רב זצ"ל, איז געווען אין שטעט ניר מעדיעש אין אונגארן, וואו ער האט אויך געפירט א ישיבה פון בערך הונדערט תלמידים. ער איז דארט מפורסם געווארן אלס אן איש קדוש. זיין התמדת התורה האט נישט געוויסט פון קיין גבול.

א שעה נאך חצות הלילה פלעגט ער שוין אויפשטיין, גיין אין מקוה, און זיך זעצן לערנען ביז





הגה"ק משאמלויא זי"ע, הי"ד



# פתח הבית

כבר נודע ומפורסם ע"פ תבל, כי או במעמד הנבחר של חגיגת חינוך ס"ת
וחינוך ביהמ"ד דישיבה הרמה דק"ק דונא-סערדאהעלי, אשר חגגנו במקהלות עם של מאות
תלמידים אשר נהרו מרחוק ומקרוב הנה, בסוף הקיץ העל"ע ביום ד' אלול ולמחרתו ביום
ה' נתייסד פה חברה התאחדות תלמידים, אשר מטרתה לשלב ולקשר את
כל תלמידי כ"ק אדמו"ר עטרת ראשנו הגאון הצדיק פאה"ר
מו"ה אשר אנשיל כ"ץ שליט"א האב"ד ור"מ דקעד"י פה
דונא-סערדאהעלי ומלפנים אב"ד דק"ק ניר-מעדיעש וחיו לאחדים
לרומם ולפאר כבוד התורה, ולחזק מוסדותיה. רעיון הנהדר הלז נתקבל
ברוב חיבה בין התלמידים וחלק גדול מהם כבר נספחו אל חבורתנו. אמנם
בהיות כי הרבה מן התלמידים מפוזרים בחוץ למדינה, בארבע פינות העולם, ולא
זכו ליקח גם חבל בשמחתינו, ולא הגיעו הדברים אשר נגמרו במקהלותינו אליהם, כבן
מצאנו לנכון להביא על מכבש הדפוס השתלשלות התייסדות חבורתינו, ועל מה אדניה
הוטבעו ואת רום ערכה. למען יכירו וידעו כל התלמידים כי חוב קדוש הוא על כל מי
שיראת ה' נוגע בלבבו לשלב א"ע אל חבורתינו, ובהיות כי נכספה וגם כלתה נפש חברינו
היקרים אשר לא יכלו להופיע אל חגיגת החינוך והאספה, לדעת את כל אשר עבר
עלינו בימים אלו, ואת אשר הביע כ"ק מאורינו ורבינו שליט"א ביום שמחתינו, כאשר גילו
דעתם ומאויים במכתבים שהריצו אלינו יום יום, ולעשות רצונם חפצנו, ע"כ הצבנו פה
לשלימות הענין, גם סדר חינוך ס"ת וביהמ"ד, ומאמר אחד מחיי ישיבתינו הרמה, ואף כי
תלאה עט הסופר ויקצרו היריעות מהכיל כל פרטי הדברים, ומה גם רגשי קודש ורשפי אש
התעוררות אשר שררה במקהלות עם של כמה מאות תלמידי ומוקירי רבינו שליט"א, כי איך
חקק בעט ברזל ועופרת הניגונים רוחניים רמים ונשגבים הלא ייעף הרעיון להלביש
מילים לדלות ממעמקי לב ונפש את אשר נתרגש בימים הנהדרים האלו בתוכינו, אף כי
רוט בחרט אנוש, על כל זה לא נשים מחסום לפינו מלהודיע אפס קצהו האפשר
גלות עלי ספר לרוות צמאון חברינו היקרים.

ואחרי כל אלה נקוה כי כל תלמידי כ"ק רבינו שליט"א, הן אותן שלמדו
תי בניר-מעדיעש, והן אותן שלמדו פה, איש מהם אל יפקד מקומו בין התאחדות
ים, כאשר עיניהם תחזינה מישרים בפנים עד היכן הדברים מגיעים, וה' הטוב יהי
, ויהי' עם פינו בעת השיבנו, ועם ידינו בעת מעבדינו, ויתרחב גבול התורה
ע"י פעולתינו עד ינהלינו רבינו פני משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

מנהלי התאחדות תלמידי כ"ק אדמו"ר אבדקע"י
דונא-סערדאהעלי, ומלפנים אבדק"ק ניר מעדיעש יצ"ו



בעזה"י

איהב ה' שערי ציון מכל משכנות יעקב (תהלים פ"ז)
אוהב ה' שערים המצויינים בהלכה יותר מבתי כנסיות
ומבתי מדרשות... (ברכות ח.)

ספר

# בית תלמוד

וזאת תורת הבית:
חניכת הבית גדול שמגדלין בו תורה ותפלה,
בית המדרש דישיבה הרמה דק"ק סערדאהעלי —
וחנוכת התורה, ס"ת של הישיבה — והתייסדות חבורה
התאחדות תלמידים — שהיה ביום ב' ד' וה'
אלול דשנת תרצ"ו לפ"ק, כדמין חגג.
יצא לאור ע"י הנהלת התאחדות תלמידים
דישיבת דונאסערדאהעלי יצ"ו

ספריית אגודת חסידי חב"ד
אהל יוסף יצחק
ליובאוויטש
U.S.A. – ארה"ב

התוכן:

פתח הבית
פרק א' בחנכת ס"ת ובנין ביהמ"ד
ב' חיי הישיבה ומצבה
ג' חינוך בית המדרש
ד' דרשה לחינוך ביהמ"ד, מאדמו"ר שליט"א
ה' חינוך ס"ת, וסדר היום
אסיפה הכללית
מאמר התאחדות תלמידים, מרבינו שליט"א
דרוש פלפול מרבינו הי"ו, על סוגיא דאין
מוריד׳ן מקדושה חמורה לקלה (מנחות ל"ד)

1937 – תרצ"ז

דפוס "גראפיא" מוקאטשעווא.
Buchdruckerei „GRAFIA", Mukačevo, Masarykova 12. Č. S. R.

א רייך פארבליבענער אוצר פון דער
וועלט בארימטער ישיבת סערדאהעלי,
וואס פארציילט וועגן א רייע געשעענישן
ארום דעם חנוכת הבית פון דער ישיבה.

פיר פארטאגס, וואס דאן פלעגט ער גיין זען אויב די תלמידים זיצן שוין ביי די גמרות, און דער נאך ממשיך געווען בלימוד התורה כל שעות היום.

זעכצן יאר האט ער אנגעהאלטן די רבנות אין ניר מעדיעש. דאן - בשנת תרפ"ה - איז ער גערופן געווארן צו ווערן א דיין אין דער שטאט סערדאהעלי. נאך א קורצע צייט איז ער געווארן דער ראב"ד דארט. צוויי יאר שפעטער איז ער געווארן אויפגענומען אלס אב"ד פון קהל עדת ישראל סערדאהעלי.

יענע יארן איז ער גאר בארימט געווארן מיט זיינע גרויסע כוחות צו משפיע זיין אויף אידישע קינדער, בפרט מיט'ן כח פון זאגן דרשות וואס זענען מעורר צו תשובה און מעשים טובים. ספעציעל האט זיך אנגעזען זיין תורה'דיגער כח בין כותלי ישיבתו, פאר וועלכן ער האט זיך אוועקגעגעבן צו מרביץ תורה זיין מיט א מסי"נ עד להפליא.

אין דער סערדאהעלער ישיבה האבן געלערנט פילע תלמידים, צווישן צוויי הונדערט פופציג און דריי הונדערט בחורים. דאס איז געווען א גרויסער מספר, לגבי וויפיל בחורים עס האבן געלערנט אין די אנדערע פילצאליגע ישיבות אין יענע לענדער ארום.

סערדאהעלער ישיבה איז געווען מפורסם אלס איינע פון חשוב'סטע ישיבות. בין כותלי' האט דער רב זוכה געווען מעמיד צו זיין תלמידים לאלפים מופלגים בתורה און יראי ה' באמת. 'כל רואיהם' האבן דערקענט 'כי זרע ברך ה' המה'; אז די בחורים/אברכים מוזן זיין תלמידים פון א גרויסע רבי'ן.

## אן אב מלא רחמים

די תלמידים האבן זיך צו אים באצויגן מיט א הכנעה און יראת הרוממות. ער האט קיינמאל

**ווידער די הייליגע פלעצער וואס זענען חרוב געווארן, שטייט דאך אין דער זוהר הק' אויפ'ן פסוק 'והשימותי את מקדשיכם', אז א הייליג פלאץ אפילו עס ווערט פארוויסט בלייבט דארט די קדושה פון אמאל.**

נישט געווערטעלט מיט זיי, נאר אלץ און אלעס איז אנגעגאנגען מיט א געהויבענעם ערענסטקייט. אין דער זעלבער צייט איז ער געווען אן אב מלא רחמים צו יעדן תלמיד באזונדער.

טאמער האט זיך געטראפן אז א תלמיד איז נישט געווען געזונט, האט ער נישט גערוט פון צו העלפן און צו טון וואס נאר נויטיג פאר'ן בחור. ער פלעגט אים כסדר באזוכן, און אויך - ביי אזא פאל - פילמאל געפארן צום שפיטאל אין פרעשבורג, וואו מ'פלעגט זיך געפינען ביי אן ערנסטן מחלה.

דאס פאטערליכע איבערגעגעבנקייט איז אויך געקומען צום אויסדרוק צו פילע אנדערע אידן, לאו דוקא פון בני ישיבתו ועדתו. ער פלעגט אן א שיעור טיילן צדקה פאר אלמנות און פאר עניים תלמידי חכמים. אזוי אויך, אז ס'איז געקומען אין שטאט א בן תורה אן עני צו שאפן פאר זיך שטיצע, האט ער זיך געזארגט אז יענער זאל באקומען די נויטיגע הילף און בדרך כבוד.

אמאל ערב שבת אין בית המרחץ האט ער געהערט א קרעכטץ פון א ת"ח אין שטאט וואס דריקט זיך דערביי אויס: 'פון וואו נעמט מען פאר צרכי שבת?" ווי נאר דער סערדאהעלער רב איז אהיים געקומען האט ער באלד געשיקט מיט א שליח א גרעסערן סכום געלט, ער זאל עס איבערגעבן פאר דעם ת"ח, אן צו זאגן פון וועם עס איז.

אמאל נאך אין ניר מעדיעש איז ארויפגעקומען א פארשלאג אז מ'זאל דעם רב'ס געהאלט געבן נאר לידי הרבנית, וועגן א מעשה שהי'. דארט איז א געוויסע טאג אנגעקומען א צאנזער אייניקל וואס האט געדארפט נויטיג געלט פאר הכנסת כלה.

אויפ'ן גאס האט ער באגעגנט דעם רב און מיטגעטיילט פאר וואס ער איז דא געקומען. ווען ער האט מדגיש געווען דעם נחיצות הענין, האט דער רב ארויסגענומען דעם קאנווערט מיט'ן געהאלט וואס ער האט נאר וואס באקומען, און עס איבערגעגעבן פאר דעם גאסט.

צום העכסטן דרגא איז זיין געטריישאפט צו די תלמידים געקומען צום אויסדרוק אין די גרויזאמע שרעקליכע טעג, נאך וואס די דייטשן ימ"ש האבן אריין מארשירט קיין אונגארן. דער טאג וואס דער דייטש איז אריין קיין אונגארן איז געווען שושן פורים תש"ד.

דעמאלט האבן אים די תלמידים און אנדערע נאנטע מפציר געווען ער זאל אוועקפארן אויף פעסט די הויפט שטאט וואו מ'קען גרינגער טרעפן א וועג זיך צו ראטעווען. אבער מ'האט אים נישט געקענט








א שטאטיש אויפגעשטעלטער מאנומענט נאך די אומגעקומענע פון סערדאהעלי, הי"ד

איבעררעדן צו דעם, ווייל ער האט געזאגט: 'כ'וועל נישט איבערלאזן מיינע תלמידים און קהילה'.

יענע שווערע טעג האט מען אויך געזען זיין מסירת נפש פאר לימוד התורה און הרבצת התורה, אז ער האט אנגעהאלטן די ישיבה ביז אריינגיין אין געטא. דאס איז געווען טראץ דעם וואס מ'האט אים געדראעט אז ער וועט פאר דעם באלד אוועקגעפירט ווערן צו די טויט לאגערן. ער האט זיך נישט געקימערט מיט דעם, נאר ארויסגערופן צו זיינע מקורבים: 'הרבצת התורה איז מיין גאנצע חיות, ווי לאנג מיין נשמה איז אין מיר וועל איך זיך פון דעם נישט שיידן!'

## ליהודים היתה חושך

ווי דערמאנט איז עס געווען אדר ווען אונגארן איז איינגענומען געווארן פון די רשעים ימ"ש. יענעם אינדערפרי איז אוועקגעשטעלט געווארן אין אונגארן אן אייגענער הערשאפט פון די גרעסטע שונאי ישראל אין לאנד.

צומארגנס ט"ז אדר האט מען שוין געזען די אידן אין סערדאהעלי זייער צורודערט מיט פחד און שרעק. פארשידענע שמועות זענען אנגעקומען פון מויל צו אויער וואס עס זענען די פלענער פון די דייטשן. א טאג צוויי דערנאך זענען די טרויעריג בארימטע עס-עס לייט שוין אריינגעקומען אין דעם שטאט און צוזאמען מיט בלוט דורשטיגע אונגארישע יונגען זענען זיי ארומגעגאנגען איבער די אידישע הייזער און גערויבט און געשלאגן אומזיסט.

בעיקר האבן זיי מיט דעם געוואלט שיקן דעם מעסעדזש אז זיי האבן דא די שליטה. די אידן זאלן זיך גרייטן צו זייערע פארפאלגונגען וואס וועט נאכקומען. און טאקע פון דעמאלטס איז אין סערדאהעלי - ווי אין גאנצן לאנד - געווארן אידיש בלוט ווי הפקר פאר אלע גוים יונגע און אלטע. די דייטשע רשעים ימח שמם וזכרם האבן אנגעהויבן מיט זייערע ברוטאלע גזירות ומיתות משונות אויף אנשים נשים וטף.

יעדן טאג זענען ארויסגעקומען פרישע גזירות אויף די אידן, איינס שווערער ווי די צווייטע. ס'האט אוועקגענומען יעדן ברעקל מנוחת הנפש. די רבנים פון שטאט ובראשם הגאון הקדוש דער רב פון קהל עדת ישראל זצ"ל האבן שנעל ארויסגערופן אויף תעניתים פאר קליין און גרויס. אידן האבן זיך פארזאמעלט אין די שוהלן און מיט געמישטע געפילן פון האפענונג און טרויער געשריגן אבינו מלכינו חננו ועננו וכו'.

אבער ווי מער די טעג זענען געלאפן און די גזירות זענען געווארן שווערער זענען אידן אריינגעפאלן אין גאר א שטארקער דערדרוקונג. די הנהלת הקהילה איז בטל געווארן. די אידן האבן שוין נישט געהאט קיין שום ווערט צווישן די אלגעמיינע איינוואוינער אין שטאט.

מען האט נאך דעמאלטס נישט געוואוסט וואס זענען די אמת'דיגע צילן פון די דייטשן. מען האט נאך דעמאלטס נישט געוואוסט וועגן דעם אנגעגרייטן אוישוויץ ר"ל. די אידן האבן זיך פארזאמלט און פרובירט צו טראכטן עפעס א רעטונגס פלאץ אבער מען איז מיט גארנישט ערנסט ארויסגעקומען.

**...מ'האט אים נישט געקענט איבעררעדן צו דעם, ווייל ער האט געזאגט: 'כ'וועל נישט איבערלאזן מיינע תלמידים און קהילה...**

**...פרייטאג ערב שבת קודש לס' 'ושמעתי כי חנון אני' דהאי שתא, וועלן מיר אין סערדאהעלי מקיים זיין דעם 'דור רביעי ישובו הנה'. מיר וועלן בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א דער ממשיך דרך אבותיו, קומען אויף דעם 'מקום שהתפללו אבותי'...**

## עס ווערט נאך שווערער

עטליכע טעג שפעטער האבן די עס-עס לייט ימ"ש געגרינדעט אן אזוי גערופענעם יודנראט אויפ'ן ארט פון די ביז יעצטיגע ראשי קהילה. זיי האבן געמוזט מיטארבייטן מיט די דייטשע רשעים טריט ביי טריט. אלס הויפט פונעם יודנראט האבן זיי געצוואונגענערהייט אויפגענומען א איד מר. יוסף ווענצלער הי"ד.

באלד איז ארויסגעקומען א גזירה וואס זיי האבן געמאלדן דורכ'ן יודנראט אז א איד טאר נישט האבן קיין אייגענע פארמעגן, אלע סארטן נכסים דארף ווערן איבערגעגעבן פאר די עס-עס. ווי ס'איז דורכגעגאנגען נאך צוויי טעג איז ארויסגעגעבן געווארן דער טרויעריג-בארימטער באפעל אז יעדער איד העכער זעקס יאר וועט מוזן טראגן אויף זיך א געלע שטערן.

אזוי האט נאכגעפאלגט איין גזירה נאך די אנדערע ביז ס'איז ארויסגעקומען א מעלדונג אז אלע אידישע הייזער דארף ווערן ליידיג ווייל 'מען דארף זיי וויכטיג האבן פאר'ן אונגארישן פאלק'. דאס האט באדייטע די גזירה פון א געטא.

די רשעים האבן אויך יענע טעג שוין פארשפארט אלע אידישע געשעפטן און פאבריקן. זיי זענען אהין אנגעקומען און פארזיגלט די טויערן אז מען זאל אפילו גארנישט קענען ארויסנעמען פון דארט. אויך די תלמוד תורה'ס און ישיבות זענען צוביסלעך פארשפארט געווארן. זיי האבן אלס צוגעלייגט נאך און נאך גזירות, ווי איינער דערשטיקט איינעם צום טויט ר"ל און טוט שטאטערהייט צוציען דעם שטריק ארום דעם האלז.

עטליכע טעג דערויף האט מען געמאלדן א פרישע גזירה: אלע מענער פון 22 ביז 48 דארפן אוועקגיין פון זייערע היימען און גיין ארבייטן פאר די דייטשע מלוכה 'דער רייך'. [אין די צייט האט מען אויך גענומען אין מיליטער די אלע בחורים צווישן 19 און 21 וועלכע האבן זיך ארויסגעדרייט פון גענומען ווערן אין מיליטער 2 יאר פריער שנת תש"ב].

הונדערטער משפחות זענען געבליבן אן זייער טאטע אינדערהיים. צענדליגער פרויען אן זייערע מענער. מען האט געלעבט ווי יתומים און אלמנות צוקלאפט און צושלאגן, און מיט אט די פארבליבענע האט מען אנגעהויבן דורכפירן די גזירה פונעם געטא.

## את הלחץ זו הדחק

מען האט ווילדערהייט און מיט א שטארקע דערנידערונג צוזאמענגענומען די אידן פון סערדאהעלי אין דעם אייגנעצוימטן געטא. מען האט זיי געטריבן און געיאגט, אוועקכאפנדיג פון זיי יעדע ווערדפולע זאך. די פילע משפחות פון שטאט זענען צוזאמענגעדרוקט געווארן אין קוים דריי גאסן. די משפחות זענען געווארן צוזאמענגעקוועטשט אין ענגע שטיבער באגלייט מיט ביטערע ליידן און שווערע הונגער.

יענעם ערב פסח האט מען נאך געבאקן מצות דארט אין געטא צוזאמען מיט'ן רב זצ"ל. פלוצלינג האבן אריינגעשטורעמט עטליכע פארשאלטענע דייטשע סאלדאטן ימח שמם. די אידן האבן איבערגעלאזט די טייגן אויף די טיש און אנטלאפן פון דארט אין איין אטעם.

נאך שווערער איז געווארן אין סערדאהעלי א חודש צוויי שפעטער. י"ז סיון פון יענעם יאר האבן די רשעים צוזאמגענומען די אידן פון די געטא און זיי אלע פלאצירט אין דעם שטאטישן שוהל, וואס זיי האבן פון פריער אויסגעליידיגט פון אלע תשמישי קדושה. חרוב געמאכט דעם ארון קודש, אויסגעליידיגט פון די ספרים און אפילו פון די טישן און בענק.

זיי האבן אויסגעליידיגט דאס גאנצע פלאץ אז דארטן זאלן זיך קענען אויפהאלטן פאר עטליכע טעג טויזנטער אידן פון סארדאהעלי און פון די שטעטלעך ארום. ווען דערווייל האט זיך שוין געהאט אנגעהויבן די דעפארטאציעס פון די ארומיגע געגנטער און שטעט. מען האט שוין אנגעהויבן אוועקפירן די אידן קיין אוישוויץ ר"ל, פון וואו מערסטנס זענען שוין ליידער נישט צוריקגעקומען הי"ד.

## על קידוש השם

עס איז אנגעקומען דער ביטערער טאג פאר די אידן וועלכע האבן דערווייל געשמאכטעט אין דער בית מדרש אין סערדאהעלי. מען האט יעדן ארויפגעפירט אויף די שרעקליכע באקאנטע וואגאנען, וועלכע זענען געווען אויפ'ן וועג פון דאנערשטאג ביינאכט ביז זונטאג אינדערפרי. מ'איז געפארן דעם לאנגען טרויעריג בארימטער וועג פון טיף אונגארן ביז קיין אוישוויץ, ביים גרעניץ פון פוילן-דייטשלאנד.

זונטאג כ״ז סיון תש״ד האבן די וואגאנען זיך אפגעשטעלט ביים טויער פון אוישוויץ. דארט איז באלד פארגעקומען די שרעקליכע סעלעקציע אויף תושבי סערדאהעלי ווען דער צורר היהודים מענגעלע ימ״ש טייטלט צו יעדן וואו צו גיין, צו אויף רעכטס, צו אויף לינקס.

די וואס זענען געוויזן געווארן צו גיין לינקס האט מען פרובירט צו פארנארן אז מען גייט דא אין א באד פאר די ארבעט. אבער ביז א קורצע צייט זענען זייערע הייליגע אויסגעלייטערטע נשמות ארויפגעגאנגען צום כסא הכבוד און אריין אין גן עדן, ווען צווישן זיי געפינט זיך זייער הייליגער רב הגאון הקדוש ר׳ אשר אנשיל כ״ץ וועלכער איז דעמאלטס אומגעקומען אויף קידוש ה׳ צוזאמען מיט בני קהילתו און מיט זיין רעביצין (בז״ש) און אויך בני משפחתו הי״ד.

צווישן זיי איז געווען זיין בארימטער זון הגאון הקדוש ר׳ משה לייב זצוק״ל דער רב הצעיר דק״ק עד״י סערדאהעלי, וועלכער איז געווען פון די יחידי סגולה פונעם דעמאלטדיגן יונגן דור. שוין דעמאלטס האט מען געזען אויף אים זיין גרויסקייט אין תורה און עבודה. ער האט געהאט מחבר געווען פיל ספרים וואס רוב פון זיי זענען איבערגעבליבן ביז נאכ׳ן מלחמה.

דער אוד מוצל מאש פון משפחת הגה״ק מסערדאהאעלי זצוק״ל, הגאון הצדיק אבדק״ק סאמבאטהעלי זצ״ל - להבחל״ח דער גרויסער טאטע פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א - האט אויפגעשטעלט דעם בית שמגדלין בו תורה ותפילה; ביהמ״ד ׳בית אשר׳ אויפ׳ן נאמען פון הייליגן טאטן הגה״ק מסערדראהעלי זצוק״ל.

א באזונדערער גרויסע עבודה איז געווען ביים סאמבאטהעלי רב זצ״ל דאס זיך אפגעבן מיט די פארבליבענע כתבי יד - סיי פון טאטן און סיי פון ברודער רבי משה לייב, זצ״ל - און עס ארויס געבן לאור עולם. דערפון איז ארויסגעקומען די בארימטע שו״ת ׳ולאשר אמר׳. דארט אין די לענגערע דברי הקדמה איז הגה״צ מסאמבאטהעלי זצ״ל מדגיש אויף בנו כ״ק מרן רבינו שליט״א בזה הלשון: ׳שם כ״ק אאמו״ר הגאון המחבר זצ״ל בקרבו׳, און אויך: ׳וביוחד אכיר טובה לבני היקר הנ״ל שליט״א שטרח הרבה ועמד לי לעזר בענין הדפסת ספר הזה׳.

בימינו אלו גייט ווייטער אן דאס ארויסגעבן די דערמאנטע כתבי יד מבית סערדאהעלי. דאס ווערט אויסגעפירט מכח אל הפועל דורכ׳ן מכון מעדני מלך וויען אונטערן פערזענליכן הדרכה און אויפזוכט פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א. די ניי איבערגעדרוקטע און פריש ערשיינענדע ספרים ווערן אויפגעכאפט אין די תורה וועלט מיט א גרויס צמאון און באגייסטערונג.

## צו עיר אבותינו

יענעם יום המר והנמהר פון כ״ז סיון איז געקומען צו א סוף פון די הייליגע קהילה און פון דעם ישוב פון אזויפיל טייערע ערליכע אידן יראי ה׳, חסידים ואנשי מעשה, און פילע תלמידי חכמים מופלגים, וואס זיי האבן זיך געקלאמערט און מקבל געווען מתורתו וקדושתו פון זייער באליבטן רב און ראש ישיבה הגאון הקדוש זצוק״ל ה׳ ינקום דמם


בעזהשי״ת

ספר

ולאשר אמר

על התורה

מאת הגאון הקדוש המפורסם, נר ישראל, עמוד הימיני

הרביץ תורה ויראה לאלפי תלמידים, כקש״ת

רבי אשר אנשיל כ״ץ זצוק״ל הי״ד

אב״ד ור״מ דקעד״י סערדאהעלי יצ״ו

בעל מחבר שו״ת ולאשר אמר, הגדה של פסח חדש האביב, ועוד

עם ספר

ויגד משה

מבנו הגאון הגדול, החכם השלם, חריף עצום ובקי נפלא

פה מפיק מרגליות, כקש״ת

רבי משה יהודה כ״ץ זצוק״ל הי״ד

רב הצעיר דקעד״י סערדאהעלי יצ״ו

בעל מחבר ספר ויגד משה על הל׳ פסח, ופרקי אבות, ושאר ספרים

בראשית - שמות

יצא לאור לראשונה על ידי בנו

כ״ק הגה״צ המפורסם מוה״ר יהושע כ״ץ זצ״ל

אב״ד סאמבאטהעלי

בעל מחבר ספר ויאמר יהושע

ועתה יוצא לאור עם הוספות רבות מכתי״ק על ידי

מכון מעדני מלך וויען

חודש אלול תשע״ד לפ״ק

פרייטאג ערב שבת קודש לס׳ ׳ושמעתי כי חנון אני׳ דהאי שתא, וועלן מיר אין סערדאהעלי מקיים זיין דעם ׳דור רביעי ישובו הנה׳. מיר וועלן בראשות כ״ק מרן רבינו שליט״א דער ממשיך דרך אבותיו, קומען אויף דעם ׳מקום שהתפללו אבותי׳, אויפ׳ן מקום וואו תורת אבותינו איז געלערנט געווארן. עס שטייט נאך דארט דער בנין פון ביהמ״ד פון דער ישיבה.

ווידער די הייליגע פלעצער וואס זענען חרוב געווארן, שטייט דאך אין זוהר הק׳ אויפ׳ן פסוק ׳והשימותי את מקדשיכם׳, אז א הייליג פלאץ אפילו עס ווערט פארוויסט בלייבט דארט די קדושה פון אמאל. מ׳וועט גיין מתפלל זיין אויפ׳ן ביה״ח פון שטאט - ווי שוין באשריבן אין פריערדיגן ׳המסע׳ - דארט ליגט אויך די אם המלכות, ׳מאן מלכי רבנן׳ הרבנית הצדיקת מינדל ע״ה בת הגה״ק משאמלויא און אשת חבר הגה״ק מסערדאהעלי, זי״ע, הי״ד. עס איז במיוחד א דבר בעתו פאר כ״ק מרן רבינו שליט״א צו קומען דארט אצינד מתפלל זיין, שטייענדיג פאר א חתונה פון אן אייניקעל, ווען עס איז א זמן פון קומען צו קבר אבות.

[אין קומענדער ׳המסע׳ אי״ה: דער שטאט פרעשבורג פון אמאל ביז היינט]

שבת פרעשבורג

סמוך ונראה
לציון המצוינת של
מרן החתם סופר זי"ע

בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

• שב"ק משפטים (לס' יואל מש"ה אמר עלה') תשע"ן •

מסע נגידי ובוני בניני מוסדותינו הקדושים

# מודעת
# וועד הנסיעה

תהלה לקל אז מיר קומען שוין
נענטער צו דעם

## מסע נגידי ובוני בניני מוסדוה"ק

**בראשות**
**כ"ק מרן רבינו שליט"א**

שוין געבליבן ווייניגער ווי דריי וואכן צו איינארדענען דעם מסע המרומם מיט אלע אירע נויטיגע דעטאלן און איינצעלהיטן.

**היות די געערטע מיטרייזענדע קענען האבן פארשידענע פראגן צי פארשלאגן בנוגע די ימי ותהליכי הנסיעה, איז פארמירט געווארן א ברייטערע וועד פון עסקנים, צו וועלכע מ'קען זיך פערזענליך ווענדן.**

מיר האבן בס"ד מסדר געווען א נסיעה-עסקן אין אלע מקומות וואו עס וואוינט א גרעסערער ציבור פון אנ"ש.

**וויליאמסבורג:**

מו"ה **נחמי' פייערווערקער** הי"ו

מו"ה **וואלווי שפיערער** הי"ו

**בארא פארק:**

מו"ה **לייבי ראזענבערג** הי"ו

**מאנסי:**

מו"ה **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו

מו"ה **אברהם בראדי** הי"ו

**לעיקוואד:**

מו"ה **חיים דייטש** הי"ו